CITY OF NEW YORK
OATH
OFFICE OF ADMINISTRATIVE TRIALS AND HEARINGS
Special Education Hearings Division

66 John Street, 11th Floor
New York, NY 10038
Tel: (212) 436-0821
Email: sehd@oath.nyc.gov

# עדות סובפינע

אין נאמען פונעם פאלק פון דער סטעיט און ניו יארק:

צו (עדות געפאדערט זיך צו צושטעלן):

נאמען ______________________

ביזנעס, ארגאניזאציע, א.א.וו. ______________________

אדרעס שורה 1 ______________________

אדרעס שורה 2 ______________________

אימעיל אדרעס ______________________

טעלעפאן נומער ______________________

פאקס נומער ______________________

בנוגע:

נאמען פון סטודענט ______________________

קעיס נומער ______________________

סטודענט געבורטסטאג ______________________

NYC ID/OSIS ______________________

איר ווערט דערמיט באפוילן זיך צו צושטעלן קלויבט אויס אן ענין אין א געהעריגן יורידישן פראצעס וועגן דעם אויבנדערמאנטן סטודענט וואס וועט געהאלטן ווערן אין ______________, ביי קלויבט אויס אן ענין און אויף אלע אנדערע ווייטערדיגע דאטומס.

פאר פארפעלן צו צושטעלן, וועט איר ווערן גערעכנט שולדיג פון א געזעץ- ברעכונג פון די רעגולאציעס פון דעם קאמיסיאנער פון עדיוקעישן און ניו יארק, און ווערן אויסגעשטעלט פאר זייטיגע קנסות

אויב איר האט פראגעס אדער זארגן וועגן דער סובפינע, ביטע קודם פארבינדט אייך מיט דער מענטש וואס האט אייך געשיקט די סובפינע. אויב איר קענט נישט לייזן אייער פראגעס אדער זארגן מיטן מענטש וואס האט אייך געשיקט די סובפינע, ביטע פארבינדט אייך מיטן אביעקטיווער אויסהער אפיציר אויסגערעכנט אונטן.

אונטערשריפט פון פארלאנגער ______________________

נאמען ______________________

דאטום ______________________

ביי דעם באפעל פון דעם אביעקטיווער אויסהער אפיציר

אונטערשריפט ______________________

אביעקטיווער אויסהער אפיציר ______________________

דאטום ______________________

<u>**אינסטרוקציעס**</u>

אן "עדות סובפינע" (ארויסגערעדט סאָ-פּי-נאָ) איז א באפעל פון דעם אביעקטיווער אויסהער אפיציר וואס פארלאנגט א מענטש זאל עדות זאגן (געבן אינפארמאציע דורך א שבועה) ביים אויסהער. איר האט דאס רעכט צו פארלאנגען אז מענטשן מיט אינפארמאציע וועגן די פאקטן פון אייער קעיס זאלן זיך צושטעלן צום אויסהער און איבערגעבן די אינפארמאציע וואס זיי האבן. דער צווייטער צד קען זיך קעגנשטעלן קעגן אייער סובפינע, אדער דער אביעקטיווער אויסהער אפיציר (IHO) קען באגרעניצן אדער אפזאגן אייער פארלאנג צו באפעלן דעם מענטש עדות צו זאגן. די אינסטרוקציעס געבן צו פארשטיין ווי אזוי אויסצופילן OATH'ס "עדות סובפינע" פארם.

**"צו" אפטייל**

אויף דער ערשטער שורה, פילט אויס דעם נאמען פון דעם מענטש וועמען איר ווילט זאל עדות זאגן ביים אויסהער. פילט אויס דעם נאמען פון זייער ביזנעס אדער ארגאניזאציע (למשל, "P.S. 13"). פילט אויס אלע אינפארמאציע וועגן דעם מענטש וואס איר האט אויף די שורות וואו עס שטייען פאסט אדרעס, אימעיל אדרעס, טעלעפאן נומער, און פאקס נומער.

**"בנוגע" אפטייל**

אויף דער ערשטער שורה, פילט אויס דער נאמען פונעם סטודענט. אויף דער צווייטער שורה, פילט אויס אייער קעיס נומער. אויף דער דריטער שורה, פילט אויס דעם סטודענטס געבורטסטאג. אויף דער פערטער שורה, פילט אויס דעם סטודענטס ID נומער (ווערט אויך אנגערופן OSIS נומער אדער NYC ID נומער).

**"איר ווערט דערמיט באפוילן" אפטייל**

אין דעם אפטייל, פילט אויס דריי בלאנקען. אויב איר ווייסט נישט די ענטפערס, לאזט זיי ליידיג, און דער IHO וועט אייך ארויסהעלפן.

- ערשטנס, קליקט אויפן אראפ פיילעכל לעבן "קלויבט אויס אן ענין". קלויבט אויס ווי אזוי איר ווילט דער מענטש זאל עדות זאגן (דורך ווידעא קאנפערענץ, דורכן טעלעפאן, אדער פערזענלעך).
- דערנאך, קליקט אויפן ליידיגן ארט נאך די ווערטער "וואס וועט פאסירן אויף" אויס צו פילן דעם דאטום פון אייער אויסהער. אן אראפ פיילעכל וועט זיך באווייזן. קליקט אויפן אראפ פיילעכל און אן אראפצי לוח וועט זיך באווייזן. קליקט אויפן דאטום פון אייער אויסהער (דעם טאג וואס דער עדות וועט דארפן עדות זאגן), און דער דאטום וועט זיך אויטאמאטיש באווייזן.
- צו לעצט, קליקט אויפן פיילעכל לעבן די ווערטער "קלויבט אויס אן ענין" אריינצושרייבן דער צייט ווען דער מענטש וועט דארפן עדות זאגן. איר וועט זען א ליסטע פון צייטן. קליקט אויף דער צייט און עס וועט זיך אויטאמאטיש באווייזן.

**אונטערשריפט אפטייל**

שרייבט אונטער אייער נאמען אויף דער שורה פון דער חתימה. צו נוצן א "דיגיטאלע אונטערשריפט" קליקט אויף דער רויטער טאבעלירער לעבן דעם "אונטערשריפט פון פארלאנגער" און פאלגט נאך די שריט. אויב איר ווילט, קענט איר ארויסדרוקן דעם דאקומענט און עס אונטערשרייבן מיט א פעדער. דרוקט אדער שרייבט אייער נאמען קלאר אויף דער שורה ווי עס שטייט "נאמען". אויף דער שורה ווי עס שטייט "דאטום" דרוקט אדער שרייבט דעם דאטום פון דעם טאג וואס איר פילט אויס דעם פארם.

**שיקט דער סובפינע צום אביעקטיווער אויסהער אפיציר און דעם אנדערן צד**

אימעילט (אדער מיט דער פאסט) די סובפינע צום IHO וואס איז באשטימט צו אייער קעיס און צום רעפרעזענטאטיוו אדער אדוואקאט אויף דער אנדערער זייט פון דער קעיס. דער IHO וועט איבערקוקן די סובפינע, אויסגעפונען אויב ס'איז דא עפעס דערקעגן פון דער אנדערער זייט, און באשטעטיגן צו ער זאל מסכים זיין, אפזאגן אדער ענדערן אייער סובפינע. אויב דער IHO באשטעטיגט אייער סופענע, וועט דער IHO אייך צוריקשיקן אן אונטערגעשריבענע קאפיע.

**סערווירן די סופבינע**

נאכדעם וואס דער IHO שרייבט אונטער אייער סובפינע, מוזט איר "סערווירן" די סובפינע אויף דעם מענטש וואס וועט עדות זאגן. איר קענט דאס טון דורך שיקן דער אונטערגעשריבענער סובפינע מיט דער פאסט, אימעיל, אדער פערזענלעך.

אויב איר זענט איינע פון די עלטערן וואס פארלאנגען אז אן ארבעטער פון דער DOE זאל עדות זאגן, קענט איר שיקן דער אונטערגעשריבענער סובפינע צו דעם DOE אדוואקאט אדער DOE רעפרעזענטאטיוו און זיי בעטן צו סערווירן (שיקן) די סובפינע.